**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 50 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג געלטער דא צו באקומען צו העלפן באקעמפן האוזינג קריזיס

***קאונטי אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם וועט צושטעלן פינאנצירונג צו שטיצן קאונטי-אנגעפירטע אינפראסטרוקטור פראיעקטן וועלכע מוטיגן האוזינג וואוקס, באַרייכערונג פון עפנטליכע ערטער און טוריזם***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן די האוזינג קריזיס אריינרעכענענדיג 600 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג געלטער צו שטיצן האוזינג אריבער די סטעיט אין בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025***

***פארגרעסערטע סומעס פאר פראיעקטן וועלכע בויען האוזינג; אפליקאציע און אינפארמאציע פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די אוועקשטעלונג פון דעם קאונטי אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם (County Infrastructure Grant Program) וואס וועט צושטעלן ביז אזויפיל ווי 50 מיליאן דאלאר צו העלפן קאונטיס באקעמפן די האוזינג קריזיס דורכן פינאנצירן קליינע ביז מיטלמעסיגע קאונטי-אנגעפירטע אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די סטעיט, מיט גרעסערע סומעס פאר פראיעקטן וועלכע שטיצן די אויפבויאונג פון האוזינג פראיעקטן מיט צען יוניטס אדער מער. אלס א טייל פון די גאווערנער'ס דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, וואס לייגט צו מער פון 600 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונג געלטער צו שטיצן האוזינג אריבער די סטעיט — איז דער קאונטי אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם איינס פון די פילע כלים וועלכע זענען דא צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט, שטופן פאר אפארדעביליטי און שטיצן טענאנטס און היים אייגנטימער. דער פראגראם, וואס איז דא פאר קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, קאנצענטרירט זיך אויף אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן מיט פריאריטעט וועלכע שטיצן דאס בויען האוזינג,ביישטייערן צו די באַרייכערונג פון עפנטליכע פלעצער און ווייטער מוטיגן באזוכן און טוריזם.

"דאס בויען מער אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט אריבער די סטעיט זעצט פאר צו זיין איינע פון מיינע הויפט פריאריטעטן ביים מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל און מער וואוינבאר", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דער קאונטי אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם אפפערט א פראקטישע וועג פאראויס צו שאפן בליהענדע קאמיוניטיס דורכן אריינלייגן דאס צוליגן נאך האוזינג אלס טייל פון אינפראסטרוקטור פראיעקט פלענער. דאס מיינט אז מער ניו יארקער וועלן קענען וואוינען דארט וואו זיי ווילן, און עס וועט מוטיגן מער ביזנעסער זיך צו אוועקשטעלן דא און וואקסן אין ניו יארק וויל עס איז דא גענוג האוזינג."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), האט געזאגט,** "דאס פארגרעסערן די סטעיט'ס האוזינג מארקעט איז געווען א קאנצענטראציע פון גאווערנער Hochul (האקול)'ס אדמיניסטראציע, און עס איז א צענטראלע עלעמענט פון ענווייראמענט-פריינטליכע עקאנאמישע וואוקס. דורך דעם קאונטי אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם, וועלן מיר העלפן מאכן נאך האוזינג פאר א רעאליטעט און פארשטערקערן די אייגנארטיגע געפיהל און לעבהאפטיגקייט אין קאמיוניטיס וואס וועלן צוציהען מער דזשאבס, איינוואוינער און באזיכער."

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (New York State Homes and Community Renewal) קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "דער קאונטי אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם איז נאך א וויכטיגע אינוועסטירונג וואס די סטעיט מאכט צו שטיצן האוזינג-צענטרירטע פראיעקטן וועלכע וועלן נישט נאר פארמערן די צאל פון אפּאָרדעבעל הײמער אויפן מארקעט, נאר אויך שטופן פאר טוריזם און עקאנאמישע וואוקס און שאפן לעבהאפטיגע געגנטער און שטאטישע צענטערן. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארגרעסערטע קאנצענטראציע צו לייזן דעם האוזינג קריזיס, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין קאונטיס אריבער די סטעיט אזוי ווי מער האוזינג פראיעקטן גייען ארויף אויפן מארקעט."

מאדערנע אינפראסטרוקטור האט א דירעקטע השפעה אויף ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמישע שטאנד, און צושטעלן שטיצע פאר קלענערע אינפראסטרוקטור פראיעקטן איז וויכטיג פאר די סטעיט צו קענען ווייטער קאנקורירן מיט אנדערע און אויפטרייבן פארגרעסערטע עקאנאמישע וואוקס. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, איז דער קאונטי אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם וואוקגעשטעלט געווארן צו טראנספארמירן ניו יארק'ס אינפראסטרוקטור כדי צו ערפילן די באדערפענישן פון ניו יארקער.

אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, וועט דער פראגראם שטיצן קאונטיס מיט אינפראסטרוקטור קאסטן מיט א האוזינג-צענטרירטע קאנצענטראציע. גרענטס אין סומעס פון ביז אזויפיל ווי $500,000 זענען דא צו באקומען צו שטיצן קליינע און מיטלמעסיגע פראיעקטן וועלכע האבן באקומען פריאריטעט דורך די קאונטי, שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג, ביישטייערן צו די בארייכערונג פון עפנטליכע פלעצער אדער מוטיגן טוריזם. פארגרעסערטע סומעס פון ביז אזויפיל ווי 1 מיליאן דאלאר זענען דא צו באקומען פאר פראיעקטן וואס שטיצן דאס אויפבויען האוזינג מיט צען אדער מער יוּניטס.

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם, אריינרעכענענדיג וויאזוי צו אפּלייען, דרוקט [דא](#). אפליקאציעס וועלן אנגענומען ווען אויף אן אנגייענדע פארנעם דורך די קאָנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע (Consolidated Funding Application, CFA) פארטאל צו וועלכע מען קען צוקומען [דא](#).

**סטעיט סענאטאר Brian Kavanagh (ברייען קעווענאו) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ געווען זיך צו אנשליסן מיט די גאווערנער און מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור אין שטיצע פון אינציאטיוון וועלכע שטופן פאר האוזינג וואוקס און אפארדעביליטי אריבער ניו יארק סטעיט, און מיר ווייסן אז דאס פינאנצירן אינפראסטרוקטור ווי עס דארף צו זיין איז א וויכטיגע טייל פון אונזערע באמיאונגען צו בויען מער האוזינג. די גרענטס וועלן שפילן א וויכטיגע ראלע ביים העלפן איינוואוינער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט אנהאלטן היים אייגנטומערשאפט, מאכן נויטיגע פארערכטונגען און בויען לעבהאפטיגע געגנטער. איך אפלאדיר די גאווערנער און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פארן ארויסברענגען די קריטישע הילף פאר ניו יארקער, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע קאלעגן אויף אלע שטאפלען פון רעגירונג און מיט קאמיוניטיס אריבער די סטעיט אין ריכטונג פון אן ארומנעמיגע ליסטע פון לייזונגען צו די האוזינג אפארדעביליטי קריזיס."

**סטעיט סענאטאר Sean Ryan (שאָן רייען) האט געזאגט,** "דאס בויען מער האוזינג וועט פאראויס טרייבן ניו יארק'ס עקאנאמיע אין יעדן ראיאן פון אונזער סטעיט. איך בין שטאלץ געווען צו שטיצן אונזער לעצטע סטעיט בודזשעט וואס מאכט וויכטיגע אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן די האוזינג מארקעט און צושטעלן מער אפּאָרדעבעל יוניטס פון א הויכע קוואליטעט וואס אונזערע קאמיוניטיס דארפן. דער פראגראם איז איינס פון די פילע סטראטעגישע וועגן אין וועלכע מיר ארבעטן מיט לאקאלע רעגירונגען צו אונטערנעמען שריט אויף האוזינג, און איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פארן לייגן פריאריטעט אויף די וויכטיגע אנגעלעגנהייט."

**NYSAC פרעזידענט Benjamin Boykin (בענדזשאמין באָיקין) האט געזאגט,** "קאונטי פירער דרוקן אויס זייער הכרת הטוב פאר גאווערנער Hochul (האקול) און די סטעיט לעגיסלאטור פארן וואוקשטעלן דעם נייעם קאונטי-ספעציפישן אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם. די אינציאטיוו, וואס אפפערט ביז 1 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן וואס נעמען אריין די אויפבויאונג פון מער האוזינג יוניטס, שפיגלט אפ באדייטנדע פארשריט אין די אנגייענדע שותפות צווישן די סטעיט און אונזערע קאונטיס. מיר דארפן מער האוזינג אין ניו יארק סטעיט, און דאס גיבט אונז די כלים צו אדרעסירן און שטיצן קריטישע אינפראסטרוקטור באדערפענישן בשעת'ן אין דעם זעלבן צייט שטופן פאר האוזינג וואוקס, און דערמיט באריכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אונזערע איינוואוינער."

**גאווערנער Hochul (האקול)'ס האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, איסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער.

אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער אנאנסירט א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפּאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, אריינרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך דאס אריבערפירן 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 45,000 היימען זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

לעצטע אוגוסט, האט גאווארנער האקול אויך געמאלדן די [פרא-האוזינג קאמיוניטיס פראגאם (Pro-Housing Communities Program)]. דאס האבן סערטיפיקאציע אלס א האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי איז א תנאי פאר לאקאלע רעגירונגען צו קענען באקומען פון די ביז 650 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת. ביז יעצט, זענען מער ווי 200 קאמיוניטיס געווארן בארעכטיגט, אריינגערעכנט די ניו יארק סיטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן